"Radomer-Kielcer Leben" [404] 14 "Należytość pocztowa uiszczono ryczałtem" IX-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבן

היינט 10 זייט

Radom, dnia 1 Kwietnia 1932 r.

ראדאם, פרייטאג כ"ה אדר ב' תרצ"ב

צו דער חתונה
פון אונזער ברודערס-טאכטער
און קוזינקע
**רחל גוטמאן**
— מיט ה' —
**יהודה קרופניק**
ווינשען מיר
א גליקליכע צוקונפט
און א צופרידען צוזאמענלעבען
**הערש גוטמאן**
פרוי און קינדער.

די בעקאנטע לאנג - עגזיסטירענדע מאנופאקטור - פירמע
# א. ב. פוקס
מאכט דערמיט בעקאנט דאס ג. פובליקום פון ראדאם און אומגעגענד
דאס די פירמע **פוקס** וועלכע האט זיך געפונען ביז היינט אויף זשעראמסקי 9 אין הויף
**האט זיך איבערגעטראגן אין פראנט-לאקאל זשעראמסקי 9**

## בעקאנטמאכונג
דערמיט האב איך די עהרע בעקאנט צו מאכען די ג' קונדשאפט
פון ראדאם און אומגעגענד, אז מיר האבען געעפענט
אין ראדאם דעם 30|3 אויף זשעראמסקי 25
**א שיך-געשעפט** וואס איז פערזעהן מיט אלע סארטען שיך
ווי מענער, דאמען און קינדער-שיך צו בילליגע פרייזען
די בעסטע סחורה און די שענסטע פאסאנען צום זומער-סעזאהן וועט
אונזער געשעפט זיין פערזעהן מיט פערשידענע זומער-זאכען
פון די בעסטע פירמעס
מיט אכטונג די פירמע
**„RENOMA"**
Radom Żeromskiego 25

Z intencji zaślubin naszej kuzynki
RÓZI GUTMANÓWNY
z p. JULKIEM KRUPNIKIEM
życzymy wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia
Rodzina Frydman

**Ceny niskie** **Ceny niskie**

**DLACZEGO** wszyscy oddają swoją garderobę do prania lub farbowania tylko do FIRMY
# O. R. HEMPEL
Firma egzystuje od 1880 r.
Farbiarnia Parowa i Pralnia Chemiczna
**FILJE:** ul. Żeromskiego 1
ul. Żeromskiego 37 Tel. 1520.
ul. Staromiejska 2.
FABRYKA: ul. Staromiejska 7. (dawniej) 5. Tel. 1521
**DLATEGO** że garderoba uprana lub ufarbowana w zakładach chemicznych O. R. Hempel wychodzi zawsze jak nowa

די בעסטע בילליגסטע אויסארבייטונגען
צו פאבריקס-פרייזען
## די פירמע
# א. ראפאפארט און זעהנע ביעלסקא
מאכט בעקאנט, אז זי האט געעפענט
**אין ראדאם אויף לובלינער 23**
צו דער בעקוועמליכקייט פאר דעם ראדאמער פובליקום
**א אייגענעם פאבריק'ס-לאגער**
פון די בעסטע
טוך, וואהל-שטאפען, באסטאנען, קאמגארנס גארבא-דינען, דיאגאנאלען, קרעפעס און שעוויאטען
די מאדערנסטע בעסטע און זוויערהאפסטע צו פאבריק'ס פרייזען
מיט אכטונג
A. Rapaport i S-wie
Fabryka sukna
Bielsko

# וואס איז געווארען מיט'ן עלעקטריע = שטרייק?

דער שטרייק, וואס איז פראקלאמירט געווארען פאר עטליכע וואכען פ'ן די ראדאמער עלעקטריע אבאנענטען איז פארלויפיג נאך נישט געקרוינט געווארען מיט קיין ערפאלג.

די אונטערהאנדלונגען צווישען דער עלעקטראווניע מיט די סוחרישע ארגאניזאציעס זענען נאך נישט איבערגעריסען געווארען, הגם זיי טרעטען אן אויף געוויסע שוועריגקייטען.

אין דער היגער עקספאזיטור פון דער האנדעל'ס-קאמער זענען אבגעהאלטען געווארען א רייהע זיצונגען, אויף וועלכע ס'איז אויסגעארבייט געווארען א אויספיהרליכער מעמאריאל פאר דער האנדעל'ס-קאמער.

אין די נאהנסטע טעג וועט פאר'ן פלענום פון דער האנדעל'ס-קאמער גענוי בעטראכט ווערען די פראגע פון עלעקטריע, און וועלכער ס'וועט זיך אויך בעטייליגען א ספעציעלע קאלקולאציע-קאמיסיע פון זאכקענער וואס וועט זיך ארויסזאגען וועגען די פרייזען-פערהעלטנישע.

נאכדעם ווי ס'וועט קלאר ווערען די שטעלונג פון דער קאמער וועלען די פערטראקטאציעס מיט דער עלעקטראווניע ווידער בעגינט ווערען און דאס מאהל שוין ברענגען אנ'ענדגילטיגען רעזולטאט.

# ווי אזוי זאל מען פערזארגען די ארימע בעפעלקערונג מיט מצות

דער פסח רוקט-צו און פון א מצה-אקציע הויבט מען נאך נישט אן צו הערען. אלע יאהר אין דער צייט ווערט שוין עפעס געטוהן און די עסקנים שטעהען שוין ווייט אין דער ארבייט. הייאהר אין ערגער. די צייט איז שלעכט, דער קריזיס האט זיך פערשטארקט און די גרעסטע צרה איז, וואס שטאדט און קהל איז פערקאנט אין פאליטיק-מאכעריי, מיט ארויף און אראב, מיט וואהלען, וכהנה נאך אזעלכע גוטע זאכען.

די עטליכע געצעהלטע אויפריכטיגע כלל-טוהער קוקען זיך צו צום טומעל, צו דער בהלה און פרעגען מיט פערצווייפלונג: וואס וועט זיין מיט דער ארימער בעפעלקערונג וואו נעמט מען געלד זיי צו פערזארגען מיט מצות און אנדערע נויטיגע פסח-פראדוקטען?

נישט קיין ספק אבער געפונען זיך אין שטאדט, וואס טראכטען זיך צו צו אם דער הארטער פראגע. אין די קרייזען, וואו מען איז נאך ניכטער און נישט מיטגעריסען אין דער פאליטיק-מאכערייקע, וואו מ'האט נאך אנ'אויער און אויג זיך צו צוהערען און צוזעהען די גרויסע נויט -- אין די דאזיגע קרייזען לייגט מען פאר א פלאן, אז מ'זאל ארויפלעגען א געוויסען אבצאהל פון די מצות. די וואס וועלען קויפען מצות אויף פסח זאלען פון יעדען קילא אבצאהלען 10, צו 15 גראשען און דאס געלד זאל געהן פאר די הונדערטער ארימע בכבוד'יגע פאמיליעס וואס זאלען אויך קענען איינארדנען יום-טוב.

קיין אנדערען אויסוועג, ווי אזוי צו ארגאניזירען די פסח-אקציע, איז לויט לויט דער מיינונג פון יענע קרייזען, נישט געבליבען. זיי מאטיווירען עס דערמיט, וואל אלע קוואלען, וואו מען פלעגט אמאהל נעמען געלד, זענען היינט פערשטאפט געווארען.

# די קינאס זאלען ערקלערען א שטרייק

ביים היינטיגען טאג עקזיסטירען אין ראדאם דריי קינאס. ביז נישט לאנג זענען געווען 5. האבען זיך צוויי, דער „שוויט" און „מיראזש" ליקווידירט. די צוויי אונטערגעגאנגענע קינאס האבען איבערגעלעבט שווערע צייטען. זיי האבען זיך פערפלאנטערט אין חובות און זיך געשלאגען מיט גרויסע דעפיציטען.

די, וואס זענען געבליבען אפען מאכען, ווייזט אויס, אויך נישט קיין פויגעלדיגע געשעפטען טראץ דעם וואס זיי זענען פטור געווארען פון צוויי קאנקורענטען. דער בעסטער סימן איז וואס דער „טשארי" און „קארסא" פערלאנגען פון מאגיסטראט צו פערקלענערן די „פאדאטעק" אין געגענפאל וועלען זיי זיך פערמאכען און ערקלערען א שטרייק.

# ד"ר שטארקער אויסגעלאזט אויף קויציע

כידוע האט זיך מיט דער אפערע פונ'ם ד"ר מיעטשיסלאוו שטארקער, מחמת די פיל אנקלאגעס, פערנומען די אויספארשונגס-מאכט, וועלכע האט, נאך דער אדורכגעפיהרטער אויספארשונג, איבערגעגעבען דעם ענין צו דער לאדזער פראקוראטור.

לויט א בעשלוס פון פראקוראר איז דער ד"ר שטארקער אריינגעזעצט געווארען אין דער אויספארשונגס-טורמע אויף קאפערניקא.

פון דער טורמע ארויס האט זיך ד"ר שטארקער געווענדעט צו דער דאקטוירים-קאמער און צום לאדזער דאקטוירים-פעראיין, בעטענדיג וועגען אנ'אינטערווענץ אין זיין ענין, און וועגען עווענטועלער הילף ביים איבערפיהרען איהם אין שפיטאל.

די אינטערווענץ פון עטליכע דאקטוירים האט נישט געבראכט צו קיין רעזולטאט.

אויך דער טורמע-דאקטאר, וועלכער האט איהם אונטערזוכט, האט ערקלערט אז ער איז געזונד און קאן זיך „בשלום זיצען" אין דער טורמע.

ערשט די טעג נאך די בעמיהונגען פון זיין משפחה און זיין פערטיידיגער אדוו. ליליקער, איז ער אויף א קויציע בעפרייט געווארען פון דער טורמע.

די אויספארשונג ווערט דאך פארטגעזעצט און מחמת דעם פיל געזאמעלטען מאטעריאל, וועט זי דויערן נאך עטליכע וואכען.


## וועקסלען = אינקאסא אויף לעמבערג

ערלעדיגט שנעל און פונקטליך רעכנעדיג פון שטיק 25 גר.

**Lwowskie T-wo Kredytowe**
**Lwów Legjonów 33**

די איינקאסירטע סומע פון די וועקסלען שיקען מיר איבער אין טאג פון איינפלוסען מיט איבערגעבונג אדער זשירא פון באנק פאלסקי.

די פאפולערע און איבעראל-אנערקענטע
פאראווע פארבערײ און כעמישע פראלניא

## י. ציכנער

נעמט אן צו פארבען און צו פוצען אויף א כעמישען אופן מענער און דאמען גארדעראבעס, ווי אויך גארנימורען קאסטיומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס,
און אלערלײ פוטערווארג
דאס אלעס ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך סאליד און בײ צוגענגליכע פרייזען.

בכדי צו פערלייכטערן די קליענטעלע האט די פירמע י. ציכנער, ספעציעל געעפענט א פיליע אויף זשעראמסקי 47 (לובלינער נעבען פינא „נאווע טשארי") וואו עס ווערען אנגענומען אלעארט בעשטעלונגען פאר דער דערמאנטער פארבערײ און פראלניא.

**י. ציכנער** — ראדאם — שפאציר גאס 21



די נײעסטע און שענסטע
## „טאפעטען"
אויף צימער-טאפעטירונג
בעדײטענד ביליג
פער- קויפט **ש. שטיינמאי**
ראדאם, לובלינער 21 №
ביטע זיך צו ערקינדיגען

**Kino dźwiękowe**
**„CZARY"**
**RADOM**
**ul. Żeromskiego 47**

— — עס ווערט דעמאנסטרירט דאס בילד — —
א. נ.
**SEKRETARKA OSOBISTA**

– Nadprogram –
**KEN MAYNARD**